ער אַרויסשיקן די „מלאכים״, כחות נפשו, אויסצוגעפינען וואָס „דאָרטן״ טוט זיך. איז אויך דאָס וואָס יעקב האָט געשיקט צו עשו׳ן בלויז דעם „ממש״ פון די מלאכים — איז אַ הוראה לכל ישראל, בהמשך להוראה הקודמת:

צוליב דעם וואָס אין אדם רואה חובה לעצמו[48] און על כל פשעים תכסה אהבה[49], קען געמאָלט זיין, אַז דער מענטש זאָל אַ טעות האָבן אין זיין אויספאָרשן אַן ענין גשמי בכח שכלו והרגשתו (ווי דער פריער־גע־זאָגטע הוראה פון וישלח יעקב מלא־כים אל עשו), וואָרום זיין שכל והרגש זיינען משוחד פון אהבת עצמו.

אפילו ביי תנאים געפינען מיר, אַז שוחד קען פועל׳ן אויף זיי[48]. כאָטש אַז (א) בפועל האָבן זיי ניט גענומען, (ב) אפילו „אם נטלתי שלי נטלתי״, (ג) עס איז געווען אַן ענין פון שוחד, דער דין אַליין איז אָבער געווען וועגן אַ זולת, ניט וועגן זיך, (ד) זיי זיינען געווען צדיקים גמורים, וואָס לבם ברשותם[50]. על אחת כו״כ, בשעת (א) עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן אַן ענין של שוחד נאָר וועגן אַ זאַך וואָס איז נוגע זיך אַליין, און (ב) מען רעדט וועגן אנשים כערכנו, דאַרף מען זיך געוויס באַוואָרענען, ניט צו ווערן פאַרבלענדט פון אהבת עצמו.

אויף דעם האָט מען די הוראה ווי די „מלאכים״ דאַרפן געשיקט ווערן: בלויז דעם „ממש״ דאַרף מען שיקן, אָבער די רוחניות ופנימיות הכחות (מלאכים) דאַרפן בלייבן ביי „יעקב׳ן״, וואָס האבות הן הן המרכבה[47]. ד. ה. די פנימיות הכחות דאַרפן פאַרבלייבן ביים אידן, ווי ער שטייט אין קדושה; אַז ער זאָל זיין אויף זיי דער בעל־הבית, און זיי זאָלן אַרבעטן ווי עס דאַרף זיין מצד נשמתו, וואָס זי איז אָפגעטראָגן ובהבדלה פון דעם גאַנצן ענין גשמי.

דאָס לערנט מען אויך פון דעם וואָס די סדרה[51] הייסט מיטן נאָמען „וישלח״[52], אַז ער שיקט בלויז שלו־חים, אָבער ער אַליין איז אינגאַנצן אָפגעטראָגן און האָט ניט קיין נטי׳ צו דעם ענין, וואָס דאַן דוקא קען ער דורך די שלוחים אויסגעפינען ווי דער ענין איז לאמיתתו.

**ט. אויף „קטנתי מכל החסדים״[53] איז רש״י מפרש: נתמעטו זכיותי ע״י החסדים והאמת שעשית עמי לכך אני ירא שמא משהבטחתני נתלכלכתי ב־חטא ויגרום לי להמסר ביד עשו.**

דער אַלטער רבי אין אגה״ק ד״ה קטנתי[54] — וואָס ער האָט געשריבן אחר ביאתו מפ״ב — איז מבאר דעם פסוק: אַז יעדער חסד וואָס דער אוי־

---

48) כתובות קה, ב.

49) משלי י, יב.

50) „לבם ברשותם״ (שבצדיקים) הוא למעלה מ„מוח שליט על הלב״ (שבבינונים), כי לבם ברשותם אינו בדרך שליטה וממ־שלה, שמצד חיצוניות המוחין, כי אם, בדרך מאליו וממילא, שמצד פנימיות המוחין (ד״ה כי קרוב תרפ״א (נדפס בקונט׳ צד) סעיף ב. וראה גם תניא פי״ז). והרי פנימיות המוחין, הוא למעלה משכל השייך למדות, ואינו מתפעל מחפץ הלב כלל (גדולים מעשי צדיקים תרפ״ה (נדפס בהוספות לספר המאמ־רים—קונטרסים) סעיף ד), ובכל זה, פעל שוחד גם בהם.

51) שתוכנה — בירור הניצוצות שבירר יעקב מעשיו וכו׳.

52) ראה לעיל ע׳ 354־5 וש״נ.

53) בראשית לב, יא.

54) נדפס באגה״ק שבתניא סי׳ ב.

בערשטער טוט מיט א מענטשן דארף פועל זייןביים מענטשן ער זאל ווערן א שפל רוח. ווייל דער חסד פון אויבערשטן איז דאך קרבת אלקים, און וואס מער חסד — וואס מער „קמי׳״, איז אלץ מער דער „כלא״. און דאס מיינט קטנתי מכל החסדים, אז פון די אלע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטאן מיט יעקב׳ן, איז יעקב געווארן קליין ביי זיך, וואס דאס איז דער ביטול וואס קומט מצד דעם קירוב.

דער טעם פארוואס רש״י ברענגט א פירוש אן אנדערן פון פירוש אדמו״ר הזקן: רש״י איז דאך מפרש פשוטו של מקרא, וואס אין פשטות פון פסוק איז ניט מובן, ווי קומט עס, וואס יעקב האט געבעטן דעם אויבערשטן הצילני נא גו׳, נאך דעם ווי ער האט שוין פון פריער געהאט א הבטחה פון אויבערשטן „ושמרתיך גו׳ ״; „ואהי׳ עמך״[55]? פירוש אדמו״ר הזקן אין קטנתי מכל החסדים — אז די חסדים האבן גע׳פועל׳ט א ביטול ביי יעקב׳ן — איז ניט אויסן פארענטפערן און שטעלט זיך ניט אויף דער שאלה פארוואס יעקב האט געדארפט בעטן „הצילני״, [דער ביטול איז דאך ניט קיין סיבה אז די הבטחה זאל ניט מקויים ווערן]. דעריבער ברענגט רש״י „שמא משהבטחתני נתלכלכתי כו׳ ״.

יו״ד. מען דארף אבער פארשטיין: ווי איז עס טאקע שייך אז יעקב זאל מורא האבן פאר נתלכלכתי בחטא, ווי איז שייך אזא ענין ביי יעקב׳ן? אמת טאקע, אז דורך דעם וואס מען מאכט א נס צו א אידן איז מנכין לו מזכויותיו[56], איז דאך דאס אבער נאר וואס מנכין לו מזכיותיו, אז מען רעכנט אראפ פון די זכיות[57], אבער ניט אז דא ווערט אן ענין פון חטא ח״ו?

די זעלבע זאך איז ניט מובן אויך בנוגע דער אגה״ק הנ״ל, וואס דער אלטער רבי האט געשריבן אחר ביאתו מפ״ב — האט ער דאך מיט די ווערטער „קטנתי מכל החסדים״ געמיינט אויך צו מרמז זיין, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס נאך זייענדיק אין תפיסה האט ער געהאט די הבטחה פון בעש״ט און מגיד אז ער וועט באפרייט ווערן און קענען דערנאך ווייטער מגלה זיין חסידות און נאך ביתר שאת ווי פריער[58], — פונדעסטוועגן בעט ער אויך איצט דעם אויבערשטן אויף דעם. ווייל קטנתי מכל החסדים כדפירוש רש״י.

ווארום הגם אז אין דער אגה״ק איז דער אלטער רבי מבאר דעם פירוש פון קטנתי וגו׳ אנדערש פון פירוש רש״י, אעפ״כ: (א) לפי פשטות הדברים — פון דעם אליין, וואס ער הויבט אן די אגרת מיטן לשון הפסוק „קטנתי גו׳ ״ איז משמע, אז דער אלטער רבי מיינט דא אין דער אגרת צו מדגיש זיין אויך דעם ענין פון קטנתי לפי פשטות הפסוק, וואס דאס איז כפירוש רש״י. (ובפרט, אז דער אלטער רבי זאגט אויף פירוש רש״י אז דאס איז ייננה של תורה[59]); (ב)

55) בראשית כח, טו. לא, ג.

56) שבת לב, א. תענית כ, ב.

57) והניכוי מזכיות לבדו (בלי חטא) אינו סיבה לביטול ההבטחה, כמ״ש הרא״ם כאן, והמהרש״א בחדא״ג ברכות ד, א.

58) ראה הקדמה לקונט׳ יט כסלו תשי״ב (קונט׳ צט), ובהנסמן שם.

59) „היום יום״ כט שבט.

נאך מער, אין דער אגה״ק גופא איז ער טאקע מרמז אויף דעם פירוש רש״י על הפסוק [60]. דערפון איז מוכרח אז דער אלטער רבי מיינט דא אויך „קטנתי מכל החסדים" לויט פירוש רש״י, און במילא אויך דעם סיום הענין: הצילני נא גו׳. —

איז דאך ניט מובן, ווי איז שייך ביי דעם אלטן רבי׳ן אזא ענין פון „קטנתי — שמא יגרום החטא וכו׳"?

יא. בכללות איז די הסברה בזה אז ווען מ׳איז עולה אין א העכערע דרגא איז דאס וואס פריער איז דאס ניט געווען א חטא איז במעלתו עתה איז עס א חטא. און דער פשט אין דעם איז — אז ניט נאר אויב ער וועט איצטער פונדאסניי טאן די זעלבע מעשה איז דאס א חטא (דאס איז דאך קיין חידוש ניט) — נאר די פריערדיקע מעשה, וואס בשעת מעשה איז דאס ניט פארערעכנט געווארן פאר א חטא — איז מען אים איצטער דן אויף איר [61] און ער דארף תשובה טאן אויף איר [62].

דאס איז נאך אבער ניט מספיק — ווייל אמת טאקע בשעת מעשה איז דאס קיין חטא ניט געווען ואעפ״כ איז בעלייתו חטא יחשב — אבער „ניט קיין גלאטע זאך" האט עס בשעת מעשה אויך געדארפט זיין, ווארום אויב עס איז אלץ געווען בתכלית כדבעי — איז אויך שפעטער ניט שייכות תשובה טאן [63] — איז ווי איז עס שייך זאגן ביי יעקב׳ן, און דער־נאך — ווי דער אלטער רבי ברענגט דעם ענין בנוגע זיך — און דאס איז דאך געווארן א חלק פון תורה.

וועט מען עס פארשטיין לויטן פירוש פון פנים יפות.

— דער פנים יפות איז פון די ספרים וואס ווערן געבראכט אין חסי־דות מהנדפסים, און נאך מער — אין די מאמרי חסידות וואס זיינען לע״ע נאך ניט געדרוקט. דער מחבר פון פנים יפות איז געווען דעם מגיד׳ס א תלמיד, וואס י״ט כסלו איז דער יום ההילולא פון מגיד, און אויך די גאולת י״ט כסלו פון אלטן רבי׳ן איז פארבונדן מיט דעם וואס י״ט כסלו איז דעם מגיד׳ס הילולא [64] —

דער פנים יפות איז מפרש דעם ענין קטנתי מכל החסדים: ביי די עליות הנשמות פון איין עולם אין א העכערן עולם, ווארום צדיקים אין להם מנוחה שנאמר ילכו מחיל אל חיל [65], איז איידער זיי זיינען עולה אין דעם העכערן עולם זיינען זיי חוזרים לקטנות (וואס דאס איז ווי עס רעדט זיך אין דער הקדמה צו חינוך קטן וועגן דעם ענין פון שבע יפול צדיק וקם), ובלשון הפנים יפות:

---

60) במ״ש שם: ואינו ראוי וכדאי . . שנדמה בעיניו שחטא. — וראה להלן הערה 67.

61) ראה פע״ח ש׳ התפילין פ״י. שער הגלגולים הקדמה כב.

62) תניא פכ״ט (לו, ב). ונת׳ בארוכה בלקו״ש ח״ד ע׳ 1197.

63) וכבפע״ח (שם) אז עס האט געפעלט אין „דקדוקי מצות".

64) וכמ״ש אדה״ז במכתבו להרלוי״צ מבארדיטשוב בבואו מפ״ב, אשר גאולתו היתה ב„יום הילולא רבא של רבינו הקדוש נ״ע". וראה גם לקו״ד (ע׳ קא) אשר המגיד, קודם הסתלקותו, אמר לאדה״ז „י״ט כסלו איז אונזער הילולא".

65) סוף ברכות. סוף מו״ק (ושם הל־שון: תלמידי חכמים). וראה פע״ח ושער הגלגולים שם.

צווישן גדלות ראשון און גדלות שני איז דאָ קטנות שני. און דאָס איז דער פירוש הפסוק קטנתי מכל החסדים וגו׳: ביי די עליות וואָס יעקב האָט עולה געווען פון חו״ל אין א״י, איז פאַר דער עלי׳, געווען ביי אים קטנתי.

ועפי״ז יובן וואָס יעקב האָט גע־בעטן הצילני נא מיד אחי מיד עשו, וואָרום וויבאַלד אַז נאָך דער הבטחה, און נאָך די פריערדיקע עליות, איז ביי אים געווען, פאַר דער עלי׳ צו נאָך העכער, דער ענין פון קטנתי — דאַרף ער האָבן דעם הצילני נא, וכדאיתא בפנים יפות שם, אַז באַטש די קטנות שני איז העכער פון גדלות ראשון [66], פונדעסטוועגן, וויבאַלד ס׳איז פאַרט אַן ענין פון קטנות, דאַרף מען דאַן האָבן אַ שמירה גדולה [67].

יב. עד״ז וועט מען פאַרשטיין אויך בנוגע דעם אַלטן רבי׳ן: ס׳איז ידוע [68] אַז דער ענין פון יפוצו מעיינותיך חוצה דורך דעם אַלטן רבי׳ן האָט זיך בעיקר אָנגעהויבן נאָך זיין קומען פון פ״ב. — באַוויזט עס דאָך אויפן גודל העלי׳ צו וועלכער דער אַלטער רבי איז צוגעקומען נאָך פ״ב אין פאַרגלייך מיט דער גדלות פון פאַר פ״ב [69]. און פון דער „גדלות״ פון אַלטן רבי׳ן שקודם פ״ב ביז זיין „גד־לות״ (שלמעלה מהקודם) שלאחרי פ״ב, איז ביי אים געווען אין דער צווישן־צייט דער ענין פון קטנתי — דער מאסר פון אַלטן רבי׳ן.

וואָס דער מאסר האָט דאָך מיט זיך געבראַכט פילע און גרויסע יסוריב.

---

66) ואי״ז סותר למ״ש בחינוך קטן, ש־בין עלי׳ לעלי׳ הוא בבחי׳ נפילה (גם ממדריגתו הראשונה — כי הנפילה שבין עלי׳ לעלי׳ הוא כעין הנה״ד והעמוד שבין עולם לעולם, וכהעלי׳ לשכל גדול ועמוק שהוא דוקא ע״י הקושיות המבלבלות אותו לגמרי משכל הראשון (פלח הרמון בראשית ע׳ 302), שאף שבחיצוניות ובגילוי מתבלבל משכל הראשון (שלכן צריך אז לשמירה גדולה, כמ״ש הפ״י שם), הרי גם הנפילה, באמיתית הענין, אינה ירידה, כ״א חלק מה־עלי׳.

67) ו„נתלכלכתי בחטא״ (שבפרש״י) — יש לומר:

א) חטא (מל׳ אני ושלמה בני חטאים) — חסרון (לגבי מדריגתו הקודמת), ועפי״ז, גם הלכלוך בחטא (לא רק „נתמעטו זכיותי״), הוא מצד החסדים (ודלא כפי׳ הרא״ם וה־מהרש״א בחדא״ג שם). — וכן מוכח גם ממה שבאגה״ק מביא מרז״ל (ברכות ד, א) „שמא יגרום החטא״ בהמשך למ״ש קודם „מחמת ריבוי החסדים״.

ב) בדוגמת „דקדוקי מצות״ שבפע״ח שם.

— ועפ״י פירוש זה יובן יותר מה ש־יעקב הי׳ ירא שימסר ביד עשו. דלפירוש האי „חטא — חסרון״, הוא רק העדר מציאות (בדוגמת „נתמעטו זכיותי״), שה־תוצאות העדר — העדר שכר, אבל גם העדר עונש —

ונפרש שבדיוק משנה — בפע״ח — הל׳ ממש״כ לפני זה „עברות קלות״ — כי אפילו זה אינו. ולכן שייך לאמור שנדמה ליעקב (ולאדה״ז) שישנו בו.

— שוב ראיתי בשער הגלגולים הקדמה כב, שבפ׳ מחלק (בנוגע לכל אדם) ומונה על הסדר: עונות חמורים, חטאים קלים מהראשונים, דקדוקי מצות שהם כחוט השערה (ולהעיר ממה שמפרש שם לאח״ז בחכם אחד גדול שנענש על „הדקדוק הקל״, „גם נענש״ על הליכת ד׳ אמות בשבת ברה״ר ומעט עפר במנעליו בלי ידיעתו).

ולשון אגה״ק: שנדמה בעיניו שחטא, זה שנדמה בעיניו הוא ע״ד מרז״ל (מו״ק יח, סע״ב) שגם בזה ב׳ אופנים: א) נחשד מפני שיש בו — עכ״פ מעין זה. ב) אין בו כלל, ונחשד (בנדו״ד — בעיני עצמו) מפני סיבה צדדית (ביטול ביותר וקטנות שבינתיים).

68) תורת שלום ע׳ 112.

69) ראה לקו״ד ח״א כב, סע״ב ואילך.

וכידוע [70] וואָס דער באַרדיטשעווער האָט געמאָנט ביים אַלטן רבי׳ן בנוגע זיין אַרעסט: פאַרוואָס האָט ער אַזוי פיל גענומען אויף זיינע פּלייצעס — „אַזוי פיל יסורי כלל ישראל, יסורים של מעלה, אייערע יסורי הנפש ויסורי הגוף, מיא וואָלט דאָס געקענט דורכ־פירן מיט מקיפים״. וואָס דאָס האָט געזאָגט דער באַרדיטשעווער בנוגע די יסורים פון דעם מאסר גופא, ול־אחרי זה — די יסורים וואָס דער אַלטער רבי אַליין האָט געהאַט אין די דריי שעה באַלד נאָכן מאסר, וועלכע זיינען ביי אים געווען „צער גדול יותר מכל המאסר״ [71].

איז פאַרשטאַנדיק, אַז בגילוי [72] איז דאָס געווען קטנות ונפילה לגבי דער פריערדיקער מדריגת גדלות פון אַלטן רבי׳ן.

און ווי מיר זעען פון דעם וואָס דער רבי (מהורש״ב) נ״ע האָט גע־זאָגט [73], אַז כאָטש ס׳איז שווער אַזוי צו זאָגן, פונדעסטוועגן איז דאָך דאָס אַזוי, אַז דער גילוי אור וואָס איז געקומען לאחרי פ״ב איז דאָס געוואָרן ע״ד מארז״ל [74] „הזית כשכותשין אותו מוציא שמנו״. פון דעם משל איז מובן, אַז בשעת המאסר, „כשכותשין״, איז געווען אַ קטנות אפילו לגבי קודם פעטערבורג:

וואָרום בעת כתישת הזית, ווען דער זית ליגט אונטערן פּרעס, פאַרמאָגט ער דאָך ניט דיביידע מעלות: ניט ער האָט די שפּעטערדיקע מעלה, וואָ־רום ער האָט נאָך ניט אַרויסגעגעבן אָט דעם שמן וואָס קען מאיר אור זיין בכל העולם, און ער האָט דאָן שוין אויך ניט זיין פריערדיקע מעלה, ווען ער איז געווען אַ גאַנצע פּרי, וואָס הגם אַז פאַר דער כתישה האָט מען נאָך ניט געקענט נוצן זיין שמן למאור, איז ער דאָך אָבער דאָן גע־ווען ראוי למאכל און מען האָט אויף אים געקענט מאַכן אַ ברכה. משא״כ אין דער צייט ווען מען איז כותש דעם זית פאַרמאָגט ער די מעלה אויך ניט.

די זעלבע זאַך איז מובן בנוגע דעם זמן פון מאסר פעטערבורג — ניט נאָר איז נאָך דעמאָלט ניט גע־ווען די הפצת המעינות פון חסידות ווי נאָך פעטערבורג, נאָר עס האָט דאָך דאַן, בשעת המאסר והתפיסה, אויך ניט געקענט זיין קיין הפצת החסידות אין דעם אופן ווי דער אַל־טער רבי האָט געזאָגט פאַר פעטער־בורג.

און דער ענין, וואָס אין יענעם זמן האָט געפעלט די מעגלעכקייט פאַר הפצת חסידות, איז דאָך געווען נוגע אויך דעם אַלטן רבי׳ן אַליין, וכמובן פון דעם וואָס דער רבי זאָגט [75], אַז אפילו אַ צדיק גמור וואָס ער איז מת־בטל פון תלמוד תורה צוליב חלישות הגוף, דאַרף ער אויף דעם טאָן תשו־בה שלימה מעומקא דלבא. וואָס דאָס רעדט זיך וועגן תלמוד תורה סתם, היינט מכל שכן ווען עס האַנדלט זיך וועגן תלמוד תורה דרבים, און עאכו״כ וועגן פנימיות התורה.

זאָגט ער דערפאַר קטנתי וכו׳.

יג. בכל שנה ושנה חזר׳ן זיך אי־

70) לקו״ד שם דף כט.
71) שם מ, ב.
72) ראה לעיל הערה 66.
73) תורת שלום ע׳ 26.
74) ראה שמו״ר פל״ו, א.

75) לקו״ד (שם) ע׳ קפג.

בער די ענינים[76]. און אזוי ווי אַלע ענינים הויבן זיך אָן פון תורה, איז דערפאַר לייענט מען אין דער תורה, בשבת הסמוכה (או בשבת שחל בו) י"ט כסלו[77]: קטנתי מכל החסדים וגו׳

וואָס דאָס איז די בקשה פון יעקב אבינו און פון נשיאי ישראל (וכדאי׳ בקהלת יעקב[78], אַז נשיא איז ר"ת: ניצוצו של יעקב אבינו), ובפרט פון דעם אַלטן רבי׳ן, וואָס זיי זיינען מתפלל און אויך פאַר יעדן אידן, אַז ניט קוקנדיק אויף קטנתי וגו׳, זאָל ביי אים מקויים ווערן די הבטחה: היטב אטיב עמך ושמתי את זרעך כחול הים אשר לא יספר מרוב.

יד. אויף „ויקח מן הבא בידו מנחה" וענין ריח וקטורת, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דעם — מבואר ובאריכות אין מאמרי חסידות הנדפסים[79] — און אין איינעם פון די ביכלאַך וואָס יצאו לאחרונה לגילוי[80] — אַז אַלע קרבנות און תפלות (וואָס במקום קרבנות תקנום[81]) ווערן אָנגערופן בשם מנחה.

דער טעם אויף דעם איז: עבודת הקרבנות, און אַזוי אויך עבודת התפלה, איז אַן עבודה מלמטה למעלה.

וכידוע די מעלה פון עבודת התפלה (וקרבנות) אויף דער עבודה פון תורה ומצות: תורה איז ענינה — המשכה מלמעלה למטה. תורה איז חכמתו של הקב"ה און דער לימוד התורה פון דעם מענטשן — איז לאמיתתו אַן אופן פון „תען לשוני אמרתך"[82], ער זאָגט־נאָך דעם אויבערשטנס ווערטער. אפילו מצות, וואָס ביי זיי איז דער עיקר אַז דער אדם זאָל זיי מקיים זיין, איז אָבער אין וואָס באַשטייט זיין עבודה — אין מקיים זיין דאָס וואָס דער אויבערשטער איז מצוה. און אויב אַ מענטש זאָל טאָן מעצמו אַ זאַך אויף וועלכער דער אויבערשטער האָט ניט אָנגעזאָגט, און זאָל דערביי טראַכטן צו מקיים זיין מצוות השם, וועט ער דערמיט עובר זיין אויף בל תוסיף. משא"כ תפלה (ועד"ז קרבנות) איז (א) ענינה, תפלת ובקשת האדם, און (ב) אויף די ענינים וועלכע פעלן אים. און כאָטש אַז אויך תפלה איז אַ מצוה, איז אָבער אין וואָס באַשטייט די מצוה[83] — אַז דער אדם זאָל בעטן אויף זיינע ענינים.

און ווייל תפלה איז עבודה מלמטה למעלה, האָט זי די מעלה פון „למעשה ידיך תכסוף"[84], וואָס דערפאַר „דערלאַנגט" זי העכער ווי עבודת ההמשכה שמלמעלה למטה. און דעריבער ווערן אַלע תפלות גערופן „מנחה", ר"ת: מ"ן ח׳ ה׳[85]. ופירושו: מ"ן —

---

76) ראה לב דוד (להחיד"א) פכ"ס (ע"פ מש"כ הרמ"ז בס׳ תיקון שובבים). משנה ספ"ג דגיטין. שו"ת הר"י אירגס (בסו"ס מבוא פתחים) ס"ה באריכה.

77) ראה לעיל ע׳ 363 הערה 71.

78) מערכת רבי. ונתבאר בלקוטי שיחות ח"ד ע׳ 1051 בהערה.

79) ד"ה ויקח גו׳ בתו"א, תו"ח ואוה"ת. וד"ה ראה ריח בני (שם).

80) באב. מספר (31) 12.

81) ברכות כו, ב.

82) תהלים קיט, קעב. וראה ברכות (כב, א) אשר אפילו כשהאדם כבר אומר הד"ת נאמר עליהם הלא כה דברי כאש, ועד — בנוגע להלכה בפועל.

83) תפלה רחמי היא (ברכות כ, ב). וראה רמב"ם ריש הל׳ תפלה: תפלה . . שיהא אדם מתחנן ומתפלל כו׳. (וביותר — להרמב"ן שם שמדאורייתא מצותה תפלה בעת צרה (דהאדם)).

84) איוב יד, טו.

85) תו"א כה, ד.